בס"ד

# איבערבליק

פרשת כי תצא תשפ"ו | ט' אלול | שנה י' | גליון #186

פון די מערכות היהדות החרדית בארה"ק ובגולה
קעגן די גזירות הנראות אויף אונזערע ברודער בארה"ק

נדבני הגליון

זכות הפצה נתנדב ע"י

מו"ה אליעזר יואל פריעדמאן הי"ו
לרגל הולדת בנו

מו"ה אלימלך ענגלענדער הי"ו
לרגל אירוסי בתו

מערכת איבערבליק:
845.600.4047
deriberblick@gmail.com

# מערערע כינוסי הסברה לענגאויס אר"י במשך די ימי בין הזמנים צו זיין גרייט אין פאל פון אן ארעסט

שטייענדיג בימי בין הזמנים אין פילע ישיבות ברחבי הארץ, האט "אחים אנחנו" אונטערגענומען א מאסיוון פראיעקט צו אראנזשירן פילע כינוסי הסברה והדרכה, כדי צו וויסן וואס צו טון סיי אויב מען וויל איינעם ח"ו ארעסטירן און מ'קומט אן אין תפיסה, און סיי וויאזוי צו באקומען א פטור פארן ווערן ארעסטירט.

במשך די לעצטע פאר וואכן זענען פארגעקומען אזויפיל ווי כאטשיג 30 כינוסים אין אלע שטעט און געגנטער אין אר"י. די בחורים און עלטערן האבן מיט דורשט אויפגענומען די גוטע נייעס אז עס איז דא ווער עס קימערט זיך מיט זייער ביטערן גורל.

פאלגנד איז א טיילווייזע ליסטע פון שטעט, אבער עס איז אוממעגליך צו באריכטן ממש אלע כינוסים, ווייל עס איז פארגעקומען ממש אן אויפהער:

אין דער שטאט אופקים בראשות הרה"ג ר' אבנר אפג'ין שליט"א; אין דער שטאט אשקלון במסגרת ישיבת בין הזמנים; דריי כינוסי הסברה מאנטאג שופטים אין בית שמש, הרצליה און אין תל ציון; א כינוס אין נתני'; א כינוס אין מודיעין עילית. אין ישיבת סלאנים האט מען אראפגעברענגט די אסירי סאלבערג - ווען א דאנק די מחאה ביי סאלבערג האט מען 16 פרישע רעדנערס מיט אייגענע פראקטיק וואס צו טון אין תפיסה.

אזוי אויך האט "עם קדוש" באזונדער ארגאניזירט אזעלכע כינוסים אין תל אביב, ראש העין, און אשקלון.

א באזונדערן רושם האט געמאכט ווען איינער פון די אסירים האט געוויזן די גרינע תפיסה-וועש און עס אנגעטאן, און געצייגט גענוי וואס מען האט צו טון דערמיט, וויאזוי צו זאגן גוט מארגן אא"וו, וואס האט ממש געמאכט דעם עולם שפירן ווי אין תפיסה, און אריינגעברענגט א גרייטקייט צו זיצן אין תפיסה ווי איידער צו גיין אין צבא השמד.

במשך דעם פארלאפענעם יאר זענען בסך הכל שוין פארגעקומען 100 כינוסים. יעדע כינוס קאסט עקסטער געלט צו ארגאניזירן, און דערנאך קאסט עס פרישע געלט ווען די בחורים ווענדן זיך צו די אפיסעס פאר פראקטישע הילף.

■

א באזונדערער פראיעקט איז אונטערגענומען געווארן דורך "עם קדוש" פאר די טייערע נשמות, די אזויגערופענע 'נושרים' - ד.מ. בחורים וואס זענען ארויסגעפאלן פונעם אלגעמיינעם ישיבה-סיסטעם און לערנען אין א ספעציעלע מסגרת. און ליידער ליידער דינען זיי לעת עתה אנצופילן די צאל בחורים פאר די גרויזאמע כאפערס, און אנשטאט וואס יעדער זאל אויסשרייען אז אפילו א בחור וואס זיצט נישט אין ישיבה דארף קענען ארבעטן און נארמאל חתונה האבן, זענען זיי א ציל-ברעט צו ווערן פארכאפט אין מיליטער ה"י.

"עם קדוש" האט אנגעהויבן אהערצושטעלן כינוסי הסברה אין אט די ישיבות פאר די סארט בחורים, און ב"ה מען זעט א תועלת. עס איז צום האפן אז אלע פארטייאישע קרייזן וועלן שוין איינזען אז אהבת ישראל מיינט נישט מלמד זכות זיין אויף מחללי שבתות פון תל אביב, נאר עס מיינט פשוט ליב האבן א יעדן איד, נישט קיין חילוק א לומד אדער נישט, זיין קרייז אדער נישט.

כי עם קדוש אתה לה' אלקיך, ואהבת לרעך כמוך.







# טעגליכער איבערבליק אויף דער מצב אין ארה"ק

## מיטוואך שופטים

שוידערליכע ארעסט אדורכגעפירט אויף א חשוב'ן בחור, משה שטיינער פונעם ישוב בית מאיר, נאכ'ן אראפגערופן ווערן אין א ציווילע פאליציי סטאנציע. דארטן, זענענדיג זיין שטאנד אלס אן עריק, האט מען גערופן די מיליטערישע פאליציי און אים אין די איילעניש ארעסטירט.

דער ארעסט, וואס איז אדורכגעפירט געווארן דינסטאג, האט ארויסגערופן א פרישן קול מחאה, און אויף מיטוואך זענען אפגעראכטן געווארן ריזיגע מאסן-פראטעסטן. עס האט זיך אנגעהויבן אין בני ברק 5:00 אזייגער, וואו א ריזן ציבור פון די בני תורה קרייזן בנשיאות הגה"צ ר' צבי פרידמאן שליט"א איז ארויס אויפ'ן הויפט שאסיי "גהה" און אויסגעשריגן דעם טיפן קול מחאה. די גאנצע מחאה איז ארגאניזירט געווארן דורך "עם קדוש", וואס צאלט ריזיגע געלטער פאר באסעס, פלאקאטן, טאוולען, און פיל נאך.

אין ירושלים עיה"ק איז די הפגנה אדורכגעפירט געווארן 8:00 אזייגער דורך די חשוב'ע חבורה "אנשי חיל" שע"י אחים אנחנו אויף שאסיי נומ' 1, וואו מען האט אויסגעשריגן דעם געשריי "בחורי ישראל אינם הפקר". די פאליציי איז געווען גערישט בעפאר און האט אפגעווארט מיט די ברוטאלע יס"מניקעס, אבער אן ערפאלג. אזוי אויך אין צפת איז פארגעקומען העפטיגע הפגנות, און עס זענען געווען צוויי ארעסטירטע אויפ'ן ארט וואס זענען באפרייט געווארן דורכן ועד אסירי ציון.

נאך די גרויסע מהפכה האט די פאליציי זיך געוואלט כאילו אנטשולדיגן, טענה'נדיג





אז זיי האלטן זיך באמת צו די אריגינעלע אנווייזונג נישט איבערצוגעבן עריקים צו די מיליטערישע פאליציי, נאר דא איז געווען אנדערש ווייל דער בחור איז דאך געקומען אין פאליציי אויף זייער דירעקטן פארלאנג, און זיי ארעסטירן נאר ווען מ'קומט פון זיך אליינס. אבער... תירוצים ווען דא נישט העלפן; דער עיקר, ביז ווילאנג איינער איז ארעסטירט וועט מען ווייטער מוחה זיין.

**ומלאך רע בע"כ יענה אמן! נאך די הפגנה אין בני ברק איז א רוסישער חבר הכנסת פון איינע פון די פרייע פארטייען ארויסגעקומען זאגנדיג: "אויב די חרדים טויגן יא צו שטיין אין די מערדערליכע היצן צו מוחה זיין, דעמאלט דארף מען זיי הערשט מגייס זיין צו קענען נוצן אזעלכע גוטע כוחות אין די ארמיי, און הערשט וועט מען פארדינען אז זיי וועלן נישט שטיין און מוחה זיין."**

**הפנים, דער חילוני פארשטייט נישט וויאזוי מען קען שטיין אין די באקאנטע בני ברק'ע פייכטע היצן און מוחה זיין אויף קיום התורה. באש ובחום נלך לקדש שם שמים.**

הערליכע מעמד קבלת פנים ברוב פאר והדר אראנזשירט דורך די באקאנטע "אחים אנחנו" פאר חשוב'ע בחורים בעיר אלעד דינט סיי אלס א קוואל פון חיזוק פאר די אסירים נאכ'ן שמאכטן אין תפיסה, און בעיקר אלס א חיזוק פון פאראויס פאר אלע בחורים אז זייער גייסט זאל ח"ו נישט ווערן געבראכן אין פאל פון ארעסט, נאר בשעת מ'שלעפט מיט קייטלעך צו די תפיסה, זאל אים שוין שטיין א בילד פאר די אויגן פון א ווייסע פראכטפולע לימוזין מיט פענדלעך און פאקלען.

"אחים אנחנו" לייגט אריין ספעציעלע כוחות מיט ריזיגע געלטער אין די אלע סארט מעמדים אז עס זאל זיין לכבוד ולתפארת. די יעצטיגע קבלת פנים איז געווען אויף א ספעציעל גרויסן פארנעם, און פאר רוב תושבי אלעד איז עס געווען ערשטמאליג און גאר גאר איבערראשנד, און האט אריינגעברענגט א גייסט פון מלחמה און חיזוק. אשריכם, אשריכם, אשריכם, אסירי ציון, שדברי תורה חביבים עליכם ביותר.



**צי זענען אייערע עלטערן פארגאזט געווארן אין אוישוויץ? 'משטרת מדינת ישראל' האט אין די טעג איינגעקויפט 650 נייע גאז-שפריצערס צו שפריצן אויף חרדי'שע מוחים, רחמנא ליצלן! איר הערט? די מדינה וואס פלאגט זיך מיט אן איראנער קריזיס, אמעריקאנער פאליטיק או"וו, האט נישט בעסערע דאגות ווי איינהאנדלען 650 גאז-שפריצערס פאר חרדי'שע אידן.**

## דאנערשטאג שופטים

"אנשי חיל - בית שמש", וואס האבן געהאט די זכי' אנצודרייען די גאנצע 'סאלבערג פרשה', זענען שוין צוריק אין פולן דינסט, דאסמאל איבער דעם ארעסט פונעם חשוב'ן בחור משה שטיינער. די מוחים זענען אראפגעפארן צו כביש 38, און א לענגערע צייט מוחה געווען כדת של תורה.

אנשי חיל איז א ספעציעלע גרופע יונגעלייט אין אלע שטעט - ירושלים, בית שמש, בני ברק, צפת, הר יונה, און נאך - וואס זענען איינגעשלאסן אין די חבורה וואו אין פאל עס פאסירט אן ארעסט גייט מען ארויס לכה"פ איין מאל א וואך, און מ'איז מוחה אויף! יעדן! בחור! עקסטער! ווייל יעדע נפש מישראל ציילט! די מחאות זענען פון פאראויס פלאנירט אויף וויפיל צייט עס זאל געדויערן, כדי עס זאל קענען פארקומען בקביעות ובתמידות.



**ט... את עיר טבריה! א מערכת קודש קומט פאר אין די טעג אין טברי', נאכדעם וואס די שטאטראט האט רח"ל געעפנט א ים-בארטן בתערובות ובפריצות, וואס שניידט אריין אין די היימישע געגנט, סמוך ונראה למקום מנוחת קדשו פון התנא האלוקי רבי מאיר בעל הנס.**

**די ערליכע אידן טוען כל מה שביכולתם, סיי מיט'ן מסדר זיין באסעס צו פירן דעם ציבור צו די מקומות הקדושים אין געגנט אן זיך דארפן אנטרעפן מיט די שרעקליכע מכשולות, און נאך פארשידענע פעולות אוועקצונעמען דעם שוידערליכן פרצה, והי' מחניך קדוש!**

**דער שטאטראט פון טברי' האט לפנים מפרסם געווען אז 'מען גייט' מאכן פארשידענע תיקונים אין דעם ענין, אבער למעשה האלטן זיי אצינד נאכנישט ביים טון גארנישט; עס איז בלויז געצילט צו משתיק זיין דעם קול מחאה.**

די העפטיגע מחאות וואס קומען כסדר פאר נעמען ארויס די ציונים פון גלייכגעוויכט, און אז מ'קען נישט פארטרייבן די מוחים זעלבסט, פרובירט מען אין געוויסע פרעמדע צייטונגען און אויסגאבעס אפצומאלן די מחאות אלס פארזאמלונגען וואס שעדיגן און מאכן שאדן, באגלייט מיט זילזולים און

נארישע תירוצים. עס איז נישט קלאר ווער עס שטייט אונטער דעם, אבער איר קענט זיכער זיין אז אויב איז איינער אקעגן די מחאות, איז ער זיכער פאר גיוס.

**ביי די מחאות מיטוואך האבן די מוחים געטראגן א געלע "מגן דוד לאטע" געשריבן דערויף דאס ווארט "חרדי", ארויסצוברענגען אז פונקט ווי אונטער די נאציס ימ"ש האט מען געדארפט שרייבן "יודע" אלס א שאנד-צייכן, דארף מען היינט, בשבי הציונים, שרייבן "חרדי". די בילדער האט געשאפן א גרויסן רושם און ארויסגערופן בייז בלוט אויף דעם וואס מען גלייכט צו די ציונים צו די נאציס. אבער מיר ווייסן דאך אז "גדול המחטיאו יותר מן ההורגו", בפרט ווען ביי די ציונים איז אויך נישט אויסגעשלאסן מקיים צו זיין ביידע, רח"ל.**

**אזוי אויך האט מען אויפגעהאנגען וועש, ווי העמדער און הויזן, מיט א טאוול: "אין פאל אייערע בגדים ווערן צעריסן, קען מען עס דא קומען טוישן". די מעלדונג האט אויך געמאכט א גוטן רושם.**






א הארצרייסנדער טעל. רוף צו "הצלה לאחים" שע"י "קרן ויואל משה" פון א פארצווייפלט בחור'ל, וואס האט אריינגערופן מיט בכיות עצומות אז זיינע עלטערן ווילן אים מגייס זיין אין לשכת הגיוס. דער בחור איז געווען אובד עצות, און מען דארף בסך הכל ווייזן פאר די עלטערן אז בס"ד איז נישטא וואס מורא צו האבן פונעם מיליטער. דאס איז נאר איין דוגמא פון וואספארא סארט פעלער עס קומען אלץ אן צו די אפיסעס, להציל נשמות ישראל משמד.

**שוידערליכע בילדער פון כותל המערבי, שריד בית מקדשנו, וואו מען האט איינגעשוואוירן א נייע בריגאדע אין די א.ג. "חשמונאים/מתיוונים" אפטיילונג, וואס איז מכלומר'שט נאר פאר חרדי'שע סאלדאטן. אין די בילדער זענען די פנימ'ער פארדעקט, לקיים מה שנאמר "בושה תכסה פניהם", און דאס הארץ צאפלט און וויינט: "מי בקש זאת מידכם רמוס חצרי". ווי רביה"ק מסאטמאר זי"ע שרייבט אין "על הגאולה ועל התמורה" איבער נישט גיין צום כותל צוליב די חילולי ה' וואס וועלן נאך חלילה פארקומען ביים מקום המקדש, האבן די ציונים אויסגעקליבן דוקא דעם ארט צו איינשווערן פרישע סאלדאטן צו קעמפן בחילותיו של גוג ומגוג, ה"י.**

א משמורת מחאה איז פארגעקומען פארנט פונעם ציוניסטישן קאנסולאט אין מאנהעטן דורכ'ן ועד הפעולה, דורך א חשוב'ע צאל יונגעלייט, מוחה צו זיין אויף די אנגייענדע רדיפות הדת בארה"ק. ביים פיקעטינג איז אויסגעשריגן געווארן די מחאה פונעם יהדות החרדית אקעגן די מדינה, אז זיי רעדן נישט בשם כלל ישראל, און בפרט אז זיי זאלן באפרייען די 100,000 רעליגיעזע בחורים פון מיליטערישן דינסט און זיך נישט באגיין ברוטאל ביי די פראטעסטן. צאו והפגינו!

**א מחאה אראנזשירט דורך "אחים אנחנו" ביי תפיסה נומ' 10 דורך כולל שומרי אמונים, מחזק צו זיין די יושבי חושך וצלמות און אויסשרייען א קול מחאה. דער פאקט באווייזט אז ווי מער עס גייען אן די סארט הפגנות, באגייט מען זיך מיט מער רעספעקט אין תפיסה צו די אסירי הצבא. אחים אנחנו האט אויסגעצאלט די באסעס און אלע זייטיגע אויסגאבן להגדיל כבוד שמים בעולם.**

## זונטאג תצא

ברוך מתיר אסורים! דער איקאנישער ארעסטאנט, הב' המפורסם יוסף לעווי, וואס איז געזעסן פאר דריי חדשים אין תפיסה, איז באפרייט געווארן. זיין חשוב'ער מסירות נפש'דיגער טאטע איז געזעסן אינדרויסן פון תפיסה פאר גאנצע 42 טעג אונטער א בוים מיט א טאוול "את אחי אנכי מבקש" - א בילד וואס האט אויפגערודערט די וועלט.






אחים אנחנו האט אראנזשירט א ספעציעלע שיינע קבלת פנים אינדרויסן פון תפיסה, און עקסטער געצאלט נאך געלט פאר א באס פאר די בחורים פון זיין ישיבה. א מחזה הוד איז געווען ווען דער טאטע, הר"ר מאיר, האט זיך ענדליך געטראפן מיט זיין זון נאך דריי חדשים, אלס א אידיש קינד און נישט חלילה אלס אן אריינגעפאלענער אין מיליטער. עוד יוס"ף חי!

**ערב שבת פר' שופטים איז אינעם ישוב כרמיאל פארגעקומען א "צבע שחור", און ב"ה דער בחור איז נישט ארעסטירט געווארן.**


על שבר בת עמי
נטפי דמע מאשה שבורה, על בית חסידי שחרב, על קדושה שהלכה, ועל טהרה שהתנדפה תחת מגפים צבאיות
על אלה אני בוכיה, עיני עיני ירדה מים
מונולוג מטלטל מתוך קו אמהות
השבר הגדול
לימודים, הכשרה, ומשכורת

"נותנים גב" האט פארשפרייט איבער 30,000 גליונות בכל רחבי הארץ מיט די שוידערליכע מעשה פונעם היימישן יונגערמאן וואס איז פארכאפט געווארן בתמימות אין "קדקוד/מעלות צור", וואס איז געווען פארשפרייט אין אמעריקע אויף די אידישע שפראך ארום די טעג פון תשעה באב. אצינד האט מען דאס פראפעסיאנאל איבערגעזעצט, און די מעשה רודערט אויף א וועלט און נעמט אראפ דעם שלייער פון די אלע אפטיילונגען.

**הר"ר יוסף פרידמאן הי"ו, וואס זיצט אצינד אין הויז-ארעסט, האט געהאט א חשוב'ן באזוך אין שטוב דורך א כיתה קינדער פון ברסלב'ער תלמוד תורה, וואו ער האט, ווי זיין גאנץ-יעריגן שטייגער, געלערנט מיט זיי עברי און חומש. אין העולם מתקיים אלא בזכות הבל פיהם של תשב"ר!**

פריצות ביים מקום קבורת דוד המלך. עטליכע מוחים אויפ'ן ארט ארעסטירט דורך די פאליציי.

## מאנטאג תצא

העתירו אל ה'! שוין 2 חדשים וואס דער חשוב'ער בחור כמר אברהם יצחק בן ברכה בריינדל פון אמעריקע זיצט אין תפיסה צוליב אן עלילת שוא נאך א מחאה אין בר אילן, און מען האפט און קוקט ארויס אויף זיין שנעלער באפרייאונג.

"ועד אסירי ציון" ארבעט העפטיג סיי מיט די לעגאלע הילף פאר זיין גענצליכע באפרייאונג און סיי אים צו פארגרינגערן דערוויל. פון תפיסה קען מען נישט רופן אויף אויסלאנד, און מ'האט ב"ה אויסארבעטן א מהלך אז דער בחור זאל קענען רופן קיין אמעריקע. אזוי אויך האבן די חשוב'ע מתפללים פון ביהמ"ד "בית יקותיאל" אין

שכונת ויואל משה - קרית יואל צוזאמגעשטעלט געלט פאר'ן טאטן צו קומען קיין אר"י צו זיין נעבן זיין זון, און אויך געשיקט א הערליכע טאץ פירות און שאקאלאדן ערב שבת צום טאטן אין הויז אים מחזק צו זיין.

גייענדיג צום דרוק קומט אריין די שווערע נייעס אז דער בית משפט הציוני האט ווידעראמאל אפגעשטופט דעם משפט אויף נאך 3 וואכן, און די רשעים לאזן אים דערוויל נישט ארויס אויף בעיל. ציון הלא תשאלו לשלום אסיריך.

**אין די ראמען פון "קדקוד/מעלות צור" איז דא א פרישע אפטיילונג מיט'ן גוט-קלינגעדיגן נאמען "שחור לבן" - שווארץ-ווייס. דהיינו, מ'דארף דארט בכלל נישט אנטון קיין גרינע וועש, נאר עס איז געווג צו גיין מיט שווארץ-און-ווייסע חרדי'שע בגדים.**

**דער יו"ר פון "קדקוד" גיט צו פארשטיין אז דאס איז נאר אן אנהויב, און מיט דער צייט וועלן זאכן זיך "פארבעסערן"... היל"ת. ער זאגט ווייטער: "די ארעסטן דארפן זיך אויפהערן, מען דארף נאר לייגן געלט-שטראפן און זיין צופרידן מיט סיי וועלכע אפטיילונג די חרדים גייען אריין, און צוביסלעך וועלן זיי שוין פון זיך אליינס גיין אין אלע אפטיילונגען פון מיליטער", היל"ת.**

**כלל ישראל וועט לוחם זיין מיט סיי וועלכע נאמען: נחל חרדי, נצח יהודה, חשמונאים/מתיוונים, קדקוד/ מעלות צור, און אזוי אויך מיט "שחור לבן".**

ווי טיילווייז באריכטעט, האט די ארגאניזאציע "עם קדוש" אפגעראכטן ספעציעלע כינוסי הסברה פאר שוואכערע בחורים - אדער 'נושרים' ווי מ'רופט עס - וויבאלד זיי זענען ליידער א הויפט ציל פאר די וואס זוכן זיי צו פארכאפן, און בפרט ווען די לאזונג ביי די פארטייען פון אגודה/דגל איז אז בלויז א 'לומד תורה' דארף נישט דינען אין מיליטער. אין די פרעסע איז ב"ה מפורסם געווארן דער פאקט אז מ'געבט זיך ספעציעל אפ מיט די נשמות הנושרים, זיי זאלן נישט אריינפאלן בצבא השמד.

אזוי אויך האט "אחים אנחנו" ארגאנזשירט אין קהילות גור, עפ"י בקשתם, 10 כינוסי הסברה ברחבי הארץ, צו וויסן כדת מה לעשות.

# וואס איז די גזירת הגיוס?

אזוי ווי דער מצב ארום די גזירת הגיוס ווערט אלץ ערגער און ערגער, און דער שמד גייט ליידער ווייטער און ווייטער, און אחוץ דעם אנגייענדן קאמף טאג נאך טאג, זענען דא פילע וואס זענען נישט קלאר ווען די גזירת הגיוס האט זיך באמת אנגעהויבן: צי ביים התייסדות המדינה, צי מיט צען יאר צוריק, אדער גאר אין אן אנדערע תקופה? צוליב די פילע שאלות וואס קומען כסדר אריין צו די מערכת, וועלן מיר פרובירן בסייעתא דשמיא, ממש בקיצור, אויסצוקלארן די זאך אויף א קלארן אופן, ובזה החלנו בעזר השם יתברך.

ווען די מדינה איז געגרינדעט געווארן בשנת תש"ח לפ"ק, האבן זיי געמאכט א געזעץ אז יעדער 18 יעריגער בירגער מוז דינען אין מיליטער. דאס מיינט אז עס איז א 'חוב' צו דינען אין מיליטער און עס איז נישט קיין פרייוויליגע זאך, אנדערש ווי אין אנדערע דעמאקראטישע לענדער וואס צווינגען נישט צו דינען אין מיליטער סתם אזוי.

דאס האבן זיי געטון פאר צוויי סיבות: 1) ווייל אין די מדינה איז דא א קאלירפולע צוזאמענשטעל פון מענטשן פון פארשידענע לענדער, האבן די מייסדי המדינה געוואלט זיכער מאכן אז יעדער נעמט אן צוגלייך דעם זעלבן לעבנסשטייגער פון פריקת עול תורה ומצוות רח"ל. 2) צו קענען אפשמד'ן די חרדי'שע אידן דורכ'ן דינען אין מיליטער.

דאס מיליטער איז אנגערופן געווארן ביי די מייסדי המדינה "כור ההיתוך" - א שמעלץ טאפ. וואס איז א שמעלץ טאפ? א טאפ וואס מ'לייגט אריין אסאך ערליי צעבראכענע שטיקלעך אייזן, עס ווערט דארט צעלאזט און עס ווערט איינס. גענוי דאס האבן זיי געוואלט מיט'ן טמא'נעם מיליטער: נעמען אלע ערליי מיני מענטשן און זיי פארוואנדלען אין א נייע באשעפעניש - א איד אן תורה ומצוות, ה' ירחם.

דעמאלט איז אין גאנץ אר"י געווען בלויז '400 בחורים בני ישיבות', וואס דאס איז אויסגעקומען צו קנאפע 3 פראצענט פון די יונגע בירגער אין לאנד. די ציונים האבן בלית ברירה מוותר געווען אויף זיי, מיינענדיג אז מיט דער צייט וועלן זיי זיך ממילא אויסמישן מיט די איבעריגע באפעלקערונג אין לאנד.

אבער מ'האט נישט סתם אזוי מוותר געווען אויף זיי. די בחורים האבן געדארפט לעגאל אויפווייזן אז זיי זיצן און לערנען אין א ישיבה און עס איז "תורתם אומנותם", און נאר אזוי האט מען באקומען דעם "דחוי" נישט צו דארפן דינען אין מיליטער.

א 'דחוי' באדייט 'אפגעשטופט'. דאס באדייט אז מ'איז נישט באמת 'פטור' פון דינען אין מיליטער, און אין די רגע וואס מ'גייט ארויס פון ישיבה דארף מען זיך צוריק שטעלן אין מיליטער; מ'באקומט בלויז אן אפשטיפונג, וואס דאס דארף מען באנייען יעדעס יאר.

און וויאזוי ווייסט די רעגירונג אז מ'לערנט טאקע אין ישיבה? פאר דעם צוועק איז נתייסד געווארן דער "ועד הישיבות", וואס האט יערליך צוגעשטעלט א ליסטע פאר די רעגירונג פון אלע תלמידי הישיבות, און ווער עס איז געווען אויף די ליסטע פון ועד הישיבות האט געקענט באקומען דעם דחוי.

אזוי האט יעדער בחור פון 18 יאר זיכער געמאכט אז זיין נאמען איז רעגיסטרירט אין א ישיבה וואס איז באשטעטיגט דורך ועד הישיבות, און אזוי האט מען אויטאמאטיש באקומען דעם דחוי. אזוי האט זיך דאס געצויגן פאר לאנגע יארן.

**(פארזעצונג קומענדיגע וואך בעז"ה)**